יודען, געדענקט די רדיפות אויף אייערע ברידער אין דייטשלאנד

Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem

NAJER FOLKSBLAT

פרייז 15 גראשען

היינט 8 זייטען

# נייער פאלקסבלאט

№ 2 | Łódź, Wtorek 2 stycznia 1934 r. | צוועלפטער יאהרגאנג | לאדז, דינסטאג ט"ו טבת תרצ"ד | № 2

Adres Redakcji i Administracji: Łódź, Piotrkowska 21, tel. 224-71. — אדרעס פון רעדאקציע און אדמיניסטראציע: לאדז, פעטריקאווער 21, טעל. 224-71


# יו"ד. דעלעגאציעס ביים מלוכה-פרעזידענט

## אפגעגעבען וואונשען צום נייעם יאהר

וו א ר ש א, 1 (טעלעפאניש).

דער מלוכה-פרעזידענט האט היינט אויפגענומען דעלעגאציעס, וועלכע זענען געקומען אפגעבען וואונשען צום נייעם יאהר.

פון יודישע דעלעגאציעס זענען געקומען: חרב דעפ. לעווין, ראבינער פראפ. משה שאר, די רבנים קאנאל, קאהאנע, נייפעלד און גוטשעכטער.

מצד דער ווארשאווער יודישער קהלה: — פרעזעס מאזור און טראקטענהיים; מצד די אונפארטייאישע — פרנס שטיקגאלד; מצד די יודישע סענאטארען — ד"ר טוכאטין. ווייטער זענען געווען דעלעגאציעס פון יודישע ארגאניזאציעס, פון יודישע סוחרים, האנדווערקער, קליינהענדלער א. א.

## שטורמישע דיסקוסיע אויף דער „מזרחי"-קאנפערענץ

ו א ר ש א, 1 (טעלעפאניש פון אונזער קארעספאנדענט).

דער נעכטיגער טאג אויף דער „מזרחי"-קאנפערענץ איז געווען פארנומען מיט דיסקוסיעס, וועלכע האבען געטראגען טיילווייז א שטורמישען כאראקטער און איז געווען געווענדעט געגען דער פאליטיק פון דער ציוניסטישער עקזעקוטיווע.

די סענסאציע פון טאג איז אבער געווען דער ארויסטריט פון ירושלים'ער רב פישמאן, וועלכער האט ערקלערט: אז פארבשטייגען האט מען נישט ארייננעלאזען אין דער עקזעקוטיווע, צוליב דעם וואס ער איז געווען געגען דעם, וואס דער עקזעקוטיווע האט געשטיצט די קאמפאניע געגען דער אומלעגאלער טוריסטיק. עס איז געקומען צו א גרויסען טומעל.

בעת די דיסקוסיעס האט מען זיך ארויסגעזאגט געגען שטיצען דעם קרן-קימת און קרן-היסוד.

## היטלער האט שוין בעקומען די שטעלונג פון פראנקרייך צו דער ענטוואפענונגס-פראגע

ב ע ר ל י ן, 1 (ספ. טעל.)

קאנצלער היטלער האט היינט אויפגענומען דעם פראנצויזישען אמבאסאדאר, וועלכער האט איהם אינפארמירט די שטעלונג פון דער פראנצויזישער רעגירונג וועגען ענטוואפנונגס-פראגע. נאכדעם האט דער אמבאסאדאר איבערגעבען היטלער'ן שריפטליך דעם בעשלוס פון דער פראנצויזישער רעגירונג. ביי דער אודיענץ איז געווען אנוועזענד דער דייטשער אויסערן-מיניסטער נויראט.


הרינו מודיעים בזה צערנו העמוק על פטירת הרב הגאון חסיד ועניו

מוה"ר יהודה ליבוש ווייכסלפיש ז"ל

חבר לועד הרבנים דפה

ומבקשים אנו את כל בני עירנו לבוא ולחלק לו כבוד, למען כבוד התורה.

ההלוי' תהי' היום בשעה 1 בצהרים ממעונו ברחוב ברעזינער 13

ועד הרבנים לעדת לודז

הקהלה העברית בלודז.

סטארשי פעלדשער

A. Neumark

האט זיך איבערגעצויגען אויף

28 פאלודניאווא 28

טעלעפאן 163-46

נעמט אן פון 8.30—10 פריה און 2—4 נ.מ.

פאר אונבעמיטעלטע לעטשניצע-פרייזען.

בברכת מזל-טוב

הנני מברכים את חברינו חבר הועד שלנו

ר' יצחק שיליא נ"י

לנשואי בתו הכלה בלומה שתחי' עם החתן רפאל שייא נ"י

הועד של החברה חסד של אמת ומנחמי אבלים לאדז

את חבר הועד של החברה „חסד של אמת ומנחמי אבלים" בלאדז

ר' יצחק שיליא נ"י

לנשואי בתו הכלה בלומה שתחי' עם החתן רפאל נ"י הנני מברך בברכת מזל-טוב. יזכה לראות מהם בנין עדי עד וירוה מהם נחת-

המזכיר של החברה

יהושע זאראמב

זם אני בין המברכים

יהושע קאפעל 7115

אונזער טיפסטען ביילייד דריקען מיר אויס דער שווערגעטראפענער פרוי רבקה לוסין און סינד'ער צוליב'ן טויט פון איהר מאן און זייער פאטער

צאלקע נ"ע

וועלכער איז יאהרען-לאנג געשטאנען אין דער שפיץ פון אונזער פעראיין.

עהרע זיין אנדענקען!

דער פעראיין פון די זאדע-וואר-פאבריקאנטען אין לאדז.

איבעראשענדע נייעס

פאר די רעסטאראן-בעזוכער

מיר טיילען מיט, אז אזוי ווי מיר האבען פערגרעסערט אונזער לאקאל און מיר גיבען שוין ארויס אונזערע בעזאנסטע

געשמאקע מיטאגען

אהן בעגרענצונג פון 4 שפייזען נאר 80 גר.

„ 5 שפייזען „ 1.25

אוונדברויט „ 4 שפייזען „ 70 גר.

בעמערקונג: מיר נעהמען אן באנקעטען, בעלער, בופעטען, ווי אויך חתונות אין אונזער לאקאל צו קאנקורענץ-פרייזען.

די קוך ווערט געפיהרט אונטער דער אויפזיכט פון די בעסטע פאכמענישע קרעפטען.

מיט אכטונג

„BAR ROGOŻYKA"

ZIELONA 11, tel. 189-14.

וויכטיג פאר דער לאדזער בעפעלקערונג

דערמיט מאכען מיר בעקאנט, אז איז ערעפענט געווארען דאס

אמבולאטאריום

ביים פעראיין „עזרת עניים"

נאדלודזקא 8, טעל. 153-99

וואו ס'ווערט ערטיילט מעדיצינישע הילף אויפ'ן ארט פון 9 פריה ביז 7 אוו. שיקט ארויס דאקטוירים - ספעציאליסטען מיט וויזיטען אהיים

ווי אויך רענטגענישע הילף

דורכשיקעס און דער אמבולאטאריע און אויסער דער אמבולאטאריע פאר א מינימאלען אפצאהל נעהמט אויך אן געבורטען און אלע ארט אנאליזען. מינימאלע אפצאהלונגען.

די פערוואלטונג.

לעבער

צו וועש און העמס-שקעס ווערן געמאכט

שרודמיעסקא 8

אויגען - קליניק

מיט שטענדיגע בעטען פון

Dr. B. Donchin

פיעטריקאווער 90, טעלעפ. 221-72

נעהמט אן שטענדיגע אויגען - קראנקע (צוועק אפעראציע א. ז. וו.), ווי אויך אמבולאטארישעס פון 9 ביז 1 און פון 4 ביז 7.30 אוונד.

Dr.

Wajnberg

ספעצ. פון לונגען, הארץ און סקלעראז-קראנקהייטען

וואוינט יעצט פיעטריקאווער 145

טעל. 126-02.

נעמט אן פון 9—10 פריה, 3—4, 8—9 אוו.

פאר

גאלד, בריליאנטען

און לאמבארד-סווישעס

צאהלט די העכסטע פרייזען

אלזידאר פיאלקא

פיעטריקאווער 7.

צום קארנאוואל!

די לעצטע שיך-מאדעלען

עמפפעהלט

A. Ogórek

ŁODŹ, ZAWADZKA 11.

